# פרשת תצוה ה' – י"א אדר א' תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת תצוה***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל **הגה"צ אב"ד מאטערסדארף שליט"א** שישב שבעה על פטירת אחותו ע"ה.

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת מענדלאוויטש ע"ה (אלמנת הר"ר **מאיר דוד מענדלאוויטש** הי"ו).

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קנ"ט מ"א סק"ג) **בבית מדרשנו**. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט אין תנא דבי אליהו (פרק יז), בשעה שאמרו ישראל נעשה ונשמע (שמות כד-ז), מיד אמר הקב"ה ויקחו לי תרומה (שם כה-ב). ווען יודען האבן געזאגט נעשה ונשמע, האט דער אייבערשטער תיכף געזאגט ויקחו לי תרומה. די מפרשים שטעלן זיך, וואס איז דער לשון 'מיד', 'תיכף' ווען מען האט געזאגט נעשה ונשמע. וואס איז דער קשר, אז תיכף ווען מען האט געזאגט נעשה ונשמע, האט דער אייבערשטער געזאגט ויקחו לי תרומה. - און אין דעם פסוק אליין איז אויך דא א דאפעלטע לשון, 'ויקחו לי תרומה', מאת כל איש אשר ידבנו לבו 'תקחו את תרומתי'. אדער זאל שטייט די ערשטע העלפט, אדער זאל שטיין די צווייטע העלפט. אדער זאל שטיין ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו, און תקחו את תרומתי איז איבריג. אדער זאל נישט שטיין ויקחו לי תרומה, נאר מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי.

**איך** האב געזען אין הייליגן **חתם סופר** (**בתורת משה** בפרשתנו ד"ה וזאת) אז ער שטעלט זיך אויף א דבר פליאה, און ער פרעגט א שטארקע קשיא, און איך וועל עס אביסל פארברייטערן. ווען מען וויל בויען א בית המדרש, א מקדש פארן אייבערשטען, און מען קומט בעטן געלט פונעם ציבור, וואלט געדארפט זיין דער סדר, אז משה רבינו זאל זאגן, איך האב גערעדט צום אייבערשטען, און דער באשעפער האט מיר געזאגט אז ער וויל רוען צווישן יודען. ער וויל אראפקומען, און האבן א דירה בתחתונים, און מען דארף צוגרייטען א משכן, א בית, פארן אייבערשטען. און אין דעם בית דארף מען אריינלייגען געוויסע כלי קודש, וואס זאל זיין ראוי פאר השראת השכינה. מען דארף האבן א ארון, און א שלחן, און א מזבח, און אזוי ווייטער, און דאס קאסט אפאר מיליאן דאלער אהערצושטעלן. און יעדער זאל געבן א נדבה, מען זאל קענען צוזאמשטעלן דעם משכן. אזוי וואלט געדארפט זיין דער סדר הדברים. קודם פארלייגען דעם פראדזשעקט, פון וואס מען רעדט, און אז די פראדזשעקט קאסט געלט, און מען בעהט געלט.

**אבער** משה רבינו איז געקומען, און ער האט קודם אנגעהויבן, רבותי, גיטס געלט. דער אייבערשטער האט מיר געהייסען, אז איך זאל נעמען געלט, ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו, און גיטס געלט. פארוואס? יעצט איז ער מסביר, מען דארף האבן געלט, ווייל מען דארף האבן א ארון און א שלחן. פארוואס דארף מען דעם ארון און דעם שלחן, זאגט ער נאכדעם, ווייל מען גייט מאכן א משכן. פארוואס דארף מען א משכן, ווייל עס גייט קומען השראת השכינה. - עס איז נישט דער סדר אזוי צו רעדן. דער סדר איז, אז קודם דארף מען אראפלייגן אז מען דארף האבן א דירה פארן אייבערשטען, און מען דארף האבן דערפאר כלים, און מען דארף האבן דערפאר געלט. נישט אנהייבן ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו, און נאכדעם זאגן ווייטער.

**און** ער איז נאך מער מדייק, ווען מען קוקט אין פרשת ויקהל און פקודי (שם לה-ד), ווען משה רבינו האט גערעדט צו יודען אז מען זאל געבן תרומה, שטייט נישט קיין אייןווארט אז עס גייט זיין השראת השכינה, נאר יעדער איינער זאל געבן תרומה, און מען גייט אויפשטעלן א משכן מיט כלים, און ער האט נישט געזאגט אויף וואס דער משכן מיט די כלים וועלן זיין, אז דער

אייבערשטער גייט דארט רוען. נאר אין לעצטן פסוק אין פרשת פקודי (שם מ-לד) שטייט, ווען אלעס איז געווארן פארטיג, ויכס הענן את אהל מועד, וכבוד ה' מלא את המשכן, עס איז אראפגעקומען דער כבוד ה' אויפן משכן. משה רבינו זאגט, אז מען דארף געלט, און מען גייט מאכן א משכן, און מען גייט מאכן דערין כלים, און יעדער זאל געבען געלט. און ער זאגט נישט דעם ענד ציל דערפון, וואס די משכן איז, אז דער אייבערשטער וועט דארט אראפקומען און רוען. אזוי פרעגט דער הייליגער **חתם סופר**.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, יודען זענען געווען אין אזא הויכע מדריגה בשעת מתן תורה, אז ווען מען האט זיי מציע געווען די תורה האבן זיי געזאגט, כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע, וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, וועלן מיר טון און מיר וועלן הערן. און די גמרא (שבת פח.) זאגט, אז זיי האבן מקדים געווען נעשה פאר נשמע. בדרך כלל ווען איינער בעהט פון יענעם א טובה, ער גייט צו און ער זאגט אים, איך דארף פון דיר א טובה, קענסט עס מיר אפשר טון. זאגט ער אים, זאג וואס דו ווילסט. ווען איך וועל הערן וואס דו ווילסט, וועל איך דיר וויסן צו ענטפערן צו איך קען עס דיר טון. אבער ווען א טאטע זאגט פאר א געליבט קינד, איך דארף דו זאלסט מיר עפעס טון, זאגט דער קינד, יא, איך גיי עס דיר טון, טאטע וואס דארפסטו. ער ענטפערט גלייך, יא, איך גיי עס טון, ווייל וואס דער טאטע וועט אים זאגן, וועט ער פראבירן צו טון.

**ביי** קבלת התורה האט מען געזאגט פאר די יודען, אז מען וויל זיי געבן די תורה. וואלטן זיי געדארפט קודם פרעגן, וואס איז תורה, וואס בעהט מען פון אונז, וועלן מיר נאכדעם זעהן צו מיר קענען עס מקבל זיין צו נישט. יודען האבן מקדים געווען נעשה פאר נשמע, אז דער אייבערשטער גיט, איז זיכער אז עס איז גוט, און מיר זענען גרייט. נעשה, מיר וועלן טון, און נאכדעם נשמע, מיר וועלן הערן וואס מען דארף צו טון. די גמרא (שם) זאגט, אז עס איז א לשון וואס מלאכי השרת משתמשין בו, מלאכי השרת זענען עושי דברו, און נאכדעם לשמוע בקול דברו (תהלים קג-כ).

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, פריוו יודען. זאג זיי נישט פארוואס דו דארפסט האבן דאס געלט, נאר זאג זיי, אז דער אייבערשטער האט געהייסן מען זאל געבן געלט. וועלן יודען תיכף נעמען דאס געלט און געבן, און נאכדעם וועלן זיי פרעגן, וואס מען טוט מיט די געלט. זאג זיי מען דארף האבן כלים, א ארון, מיט א שלחן, אבער זאג זיי נאכנישט פארוואס מען דארף האבן א ארון, מיט א שלחן, וועסטו זעהן אז יודען וועלן געבן געלט. אפילו דו וועסט נאר בעטן סתם, און נאכדעם וועסטו זיי מסביר זיין פארוואס מען דארף עס צו האבן, וועלן יודען תיכף געבן געלט דערויף, בעפאר זיי וועלן נאך וויסן א הסבר פארוואס מען דארף עס. אזוי זאגט דער הייליגער **חתם סופר**.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, דבר אל בני ישראל ויקחו לי תרומה, זאג זיי אז דער אייבערשטער האט געהייסען מען זאל געבן תרומה, מען דארף געלט. נאך בעפאר דו וועסט זיי פארציילען אלעס וואס עס שטייט שפעטער, וועסטו זעהן מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי, וועלן יודען תיכף אנהייבען צו געבן זייער תרומה. דער וואס וועט האבן א נדיבת הלב צו טון וואס דער אייבערשטער הייסט, דער וועט תיכף געבן, נאך בעפאר ער וועט וויסן אויף וואס מען דארף צו האבן.

**קומט** אויס, אז דער ויקחו לי תרומה, איז שלא על הסדר. געווענליך וואלט מען געדארפט קודם זאגן, מען גייט מאכן א משכן מיט כלים, און דער ויקחו לי תרומה דארף צו זיין די לעצטע. ווען מען ווייסט וואס די פראדזעשק"ט איז, זאגט מען נאכדעם אז מען דארף האבן דערפאר געלט. אבער בשעה שאמרו ישראל נעשה ונשמע, ווען יודען האבן געזאגט נעשה פאר נשמע, זיי זענען גרייט צו טון אפילו מען ווייסט נאכנישט, אפילו מען פארשטייט נאכנישט וואס דער אייבערשטער וויל, אז דער אייבערשטער בעהט עפעס, זענען מיר גרייט צו טון. 'מיד' אמר הקב"ה ויקחו לי תרומה, האט דער אייבערשטער גראד אנגעהויבן מיט די ווערטער ויקחו לי תרומה, לאמיר זעהן צו איר

זענט גרייט. ויקחו לי תרומה, מען זאל זאגן פאר יודען אז דער אייבערשטער הייסט געבן געלט, וועסט זעהן אז מען וועט נישט פרעגן פאר וואס מען דארף עס, מען וועט נישט פרעגן וואס מען גייט טון דערמיט, נאר יודען וועלן תיכף געבן. אפילו זיי וועלן נישט וויסען די סיבה, וועלן זיי געבן געלט.

**און** משה רבינו האט זיי אזוי אויספראבירט, ער האט נישט געזאגט אז עס גייט זיין השראת השכינה ביי יודען, ער האט נאר געזאגט, מען זאל געבן תרומה, איך גיי מאכן א משכן, מיט כלים. אבער וואס עס וועט זיין מיט די משכן און די כלים, אויף וואס דארף מען דאס האבן, אז שפעטער וועט זיין כבוד ה' מלא את המשכן, אז דער אייבערשטער וועט אראפקומען רוען אויפן משכן, דאס האט ער זיי נישט געזאגט, ביז מען האט אויפגעבויט דעם משכן.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הרה"ג רבי **יצחק זלמן גיפס** שליט"א, דומ"ץ דבית מדרשנו ברכת אברהם, שהתקיים בבית מדרשנו ברכת אברהם. **רבינו שליט"א** נתכבד באמירת השבע ברכות, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל החתונה של בן **הרה"ג רבי משה ירחמיאל גרינפעלד שליט"א** רב דקהל בית מרדכי סעמיהאי (ב"פ), עב"ג בת **הרה"ג רבי משה יחזקאל לויפער שליט"א** אב"ד זכרון יהודה דזיקוב (וומסב"ג), שהתקיים באולם ויואל משה.

*

***יום שני פרשת תצוה***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו הגדול. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יחיאל שטערן** הי"ו (בן הר"ר אברהם חיים שטערן הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **מרדכי ברייער** הי"ו, שהתקיים בבית מדרשנו ברכת אברהם. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה ונשא מדברותיו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **חיים צבי וועכטער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **דוד לייב גליק** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת תצוה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי ישעי' גראס זצ"ל** האדמו"ר מקערעסטיר-בערבעשט.

***וזה תוכן השיחה:***

**א' האבלים:** מען רעדט פון די חשיבות פון א בכור, דער נפטר איז געווען א בכור. איך בין אמאל געווען אין לאנדאן ביי א שבע ברכות, און **הרב וואזנער** איז דארט געווען, און מען האט מכבד געווען **רבי שמעלקא פינטער** אז ער זאל זאגן א פאר ווערטער. ווען ער האט אנגעהויבען האט ער געזאגט, פארוואס נעמט א בכור פי שנים, וואס האט ער געטון, ער האט עפעס געהארעוועט דערפאר, ער האט עפעס געארבעט דערפאר, וואס איז די חשיבות פון אים. נאר דער בכור האט געמאכט זיין טאטע פאר א טאטע, און זיין זיידע פאר א זיידע. דרייט ער זיך אויס צו **הרב וואזנער**, און ער זאגט אים, ראש ישיבה, מיר קומט צוויי

חלקים פון אייך, ווייל איך בין געווען אייער ערשטער תלמיד, און איך האב אייך געמאכט פאר א ראש ישיבה.

**רבינו:** פונעם **גר"א** שטייט א רמז, אז די ווארט בכור, איז די אות ב' דאפעלט פונעם אות פארדעם דער א'. דער כ' איז דאפעלט פונעם פריערדיגען אות דער י', און דער ר' איז דאפעלט פונעם פריערדיגן אות דער ק'. דער ווארט בכור אליין, איז פי שנים פונעם פריערדיגן אות.

**ונסוב השיחה אודות נתינת חליצה**

**רבינו:** עס איז א זעלטענע מצוה, עס שטייט אז עס איז א טובה פאר די נשמה. און אלע וואס זענען דארט זענען אויך א חלק פון די מצוה, אז זיי זאלן זאגן 'בית חלוץ הנעל'.

**א' האבלים:** עס איז געווען אין קראון הייטס הרב קרוגער, וואס ער פלעגט צו מאכן חליצות. עס איז דא פלעצער ווי מען רופט צוזאם אלע ישיבות, אז זיי זאלן צוקוקען ווי אזוי עס גייט צו.

**רבינו:** איך האב איינמאל געזען א חליצה ביים **קאפיש'ער רב** אין שטוב.

**א' האבלים:** איך בין געווען אמאל ביי א חליצה, און עס ווערט געברענגט אז מען דארף מאכן חליצה אויף די רעכטע פוס (שו"ע אה"ע סימן קס"ט סעיף כ"ב וסעיף כ"ה). און עס איז געווען די שאלה צו ביי א איטר יד, דארף מען מאכן חליצה אויף די לינקע פוס. און מען האט געוואלט וויסען צו זי איז אויך א איטר רגל, האט מען געלייגט אונטער די צוויי פוס א שטיקל פאפענ-דעקל, און מען האט עס געשלעפט, און פון וועלכע פוס עס האט זיך גרינגער ארויסגעשלעפט, האט מען געוואוסט אז דאס איז די שוואכערע פוס.

**רבינו:** די ספק איז געווען, ווייל נישט יעדער איטר יד איז א איטר רגל. מען קען זיין א געלינקטער ביי די האנט, און א רעכטער ביי די פוס. און פארקערט אויך, מען קען זיין א גערעכטער ביי די האנט, און א געלינקטער ביי די פוס. וואו דערקענט זיך עס? ווען א מענטש שטייט אויף א פלאץ און ער דארף אנהייבן צו גיין, צו גייט ער די ערשטע מיט די רעכטע פוס, צו מיט די לינקע (עיין רש"י בכורות מה:). א מענטש קען זיך עס אליין פראבירן, ווען מען דארף ארויפגיין א סטעפ, צו גייט ער קודם מיט די רעכטע פוס, אדער ער גייט קודם מיט די לינקע פוס.

**א' המנחמים:** די דאקטורים זאגען אז בדרך כלל האט מען מער פראבלעמען מיט די רעכטע פוס, ווי מיט די לינקע פוס, ווייל מען נוצט מער די רעכטע פוס, מען גייט, מען שטופט, מען שטויסט, מען דרייווט, ניצט מען מער די רעכטע פוס.

**א' האבלים:** ביי א חתונה זאגט מען, אז מען זאל גיין מיט די רעכטע פוס.

*

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת קליינמאן ע"ה (אלמנת הר"ר **אברהם אבא קליינמאן** ע"ה).

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו:** פון וואו זענט איר פון דערהיים?

**בנה הר"ר אליעזר:** מיינע עלטערן האבן געוואוינט אין לאדאש, נעבן קלויזענבורג. דער **ילקוט הגרשוני** איז געווען דארט רב. מיין זיידע איז געווען דער שוחט אין א שטעטל נעבן לאדאש.

**רבינו:** אויפן **ילקוט הגרשוני** האט מען געזאגט, אז ער איז געווען מער אין דער פרעמד ווי אין לאדאש. ער איז אסאך ארומגעפארן.

**הר"ר אליעזר:** ער איז דא א אינטערעסאנטע זאך. דער **ילקוט הגרשוני** האט זיך פארגעשריבן זיין מצבה, און עס איז געווען דארט א מחלוקה, פאר די קריג איז עס געווען א גרעסערע קהלה פון איבער צוויי הונדערט משפחות, און דער שוחט וואס זיי האבן געהאט, האט נישט געקענט שחט'ן בהמות גסות. און איינמאל ווען דער רב איז אוועקגעפארן, האט דער ראש הקהל אויפגענומען א שוחט אן זיין רשות. און דער רב האט געהאלטן אז מען טאר נישט אויפנעמען א שוחט אן רשות פונעם רב. און ער האט געוואלט אז דער שוחט וואס איז געווען זאל בלייבן שוחט. מיין זיידע איז געגאנגען יעדן ראש חודש ווייזען דעם חלף פארן רב. און עס האט זייער געאהרט פארן רב. אמאל האט דער ראש הקהל מבזה געווען דעם רב ברבים, און דער רב האט זיך אנגערופן אויפן ראש הקהל, 'אז עס וועט קומען א צייט וואס מען וועט אים נישט דערקענען'. א שטיק צייט שפעטער האט דער ראש הקהל באקומען בלעטערלעך אויפן פנים, ער איז געווען א בעל בתישער מענטש, איז ער געפארן קיין וויען זיך צו היילען, אבער מען האט אים נישט געקענט אויסהיילען. און ווען ער

איז צוריקגעקומען קיין לאדאש, האט מען אים ממש נישט דערקענט.

די מחלוקה צווישן דעם רב מיטן ראש הקהל איז געווען יארן, ביז מען האט גערופן דריי רבנים, צו האלטן א דין תורה. און די דין תורה איז געווען אין בית המדרש, און מען האט קיינעם נישט אריינגעלאזט. און מיין זיידע ע"ה האט געשיקט מיין טאטע, אז ער זאל ארויפגיין אין ווייבער שול מיטהאלטן די דין תורה, און ער זאל אים דערציילען וואס עס גייט פאר. האט מיין טאטע דערציילט, אז נאכדעם וואס די צווי צדדים האבן געזאגט זייערע טענות, איז בית דין אריינגעגאנגען אין א עקסטערע שטוב, און ווען זיי זענען ארויסגעקומען האבן זיי געזאגט, מיר קענען נישט ארויסקומען מיט א פסק, אבער דער רב מיטן ראש הקהל דארפן זיך איבערבעטן, און ביידע שוחטים בלייבן. דער רב האט געהאט עגמת נפש, ווייל עס איז נישט געווען גענוג א גרויסע קהלה, אז מען זאל קענען אויפהאלטן צוויי שוחטים.

דער רב האט זיך אויפגעשטעלט, און ער האט געזאגט, אזוי ווי בית דין האט געפסקנ'ט אז איך מוז מאכן שלום מיטן ראש הקהל, האלט איך איין דעם פסק, און ער איז צוגעגאנגען צום ראש הקהל און ער האט אים געגעבן די האנט, און ער האט אים געזאגט, 'אין די שיך האב איך דיר נישט געקענט באצאלן, אבער אין די שטרומפ וועל איך מיך אפרעכענען מיט דיר'. דער רב האט זיך מורא'דיג גע'ערגערט, ווייל מען האט געטון אן זיין רשות, און ער האט געזען ווי דער שוחט מוטשעט זיך, און ער איז נפטר געווארן זעקס חדשים שפעטער פון עגמת נפש. און אין די שלשים, די ניין און צוואנציג'סטע טאג, האט דער ראש הקהל פארלוירן א זון, און דער ראש הקהל איז נאכדעם ארויס מיט א מנין מפייס זיין דעם רב. - און אויף די מצבה פונעם רב, וואס ער האט אליין פארגעשריבן, ווערט ערוועהנט די מחלוקה וואס ער האט געהאט.

**רבינו:** הוי זהיר בגחלתן שלא תכוה (אבות ב-טו).

**הר"ר אליעזר:** מיין טאטע ע"ה פלעגט אלץ זאגן, אז מען טאר זיך נישט מישן, מען מוז אוועקשטיין, מען מוז אכטונג געבן.

איך האב משמש געווען דעם אלטן **קאלובער רבי**, יעדע מאל וואס איך בין געגאנגען פרייטאג צו נאכטס משמש זיין, האט ער מיר אלץ געזאגט, געב אכטונג, פיל דיך נישט זייער היימיש. דער פשט איז, אמאל ווען מען איז משמש פילט מען זיך אביסל מער..., האט ער מיר געזאגט, געב אכטונג וואס דו טוסט. געב אכט ווי אזוי די גייסט צו.

**רבינו:** אין די מפרשים אויף די משנה שטייט, אז א פייער ווארעמט, אבער נאר ווען מען שטייט פון דערווייטענס, אבער אז מען גייט נאנט, ווערט מען פארברענט. א צדיק דאס איז פייער, די וואס שטייען נעבן דעם צדיק פון דערווייטענס, די ווארעמען זיך, אבער ווען איינער גייט צו נאנט, ווערט ער אפגעבריהט.

**א' המנחמים:** דער **קאמארנער** ברענגט (בספרו **נתיב מצותיך** שביל התורה ב-ד), אז ער פלעגט ציטערן פון זיין פעטער (**הרה"ק רבי צבי הירש מזידיטשויב זי"ע**), כאטש ער פלעגט אים מקרב זיין, פלעג ער יעדע שטיק צייט זיך שטעלן אינדרויסן, ביז ער איז אריינגעגאנגען מיט א פחד. דער **רבי מענדלע פון רימנוב** פלעגט זאגן, יונגלייט כאטש דער רבי איז מקרב, דארף מען שטארק אכט געבן.

*

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הרה"ג רבי **שלמה פריעדמאן** שליט"א (החתן הרה"ג **רבי יואל טובּיאס שליט"א**, ב"ב), שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **אלעזר קליינבערגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם הערש בלומענפעלד** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***<u>יום רביעי פרשת תצוה</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה. - **רבינו שליט"א** נתפעל ממראה עיניו, כאשר קול התורה הדהד בין כותלי הבית המדרש בסדר של שעות רצופות כהכנה לקראת השמחה בחצרות קדשנו.

# קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בשעות הערב התקיימה החתונה הגדולה של נכדת **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, בת חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**, דומ"ץ סאמבאטהעלי, עב"ג החתן **יואל יוסף עזריאל** שליט"א, בן **הרה"ג רבי מנחם שמואל טייטלבוים שליט"א**, חבר ביד"ץ טארטיקוב, באולם עדן פאלאס.

בשעה שבע הגיע **רבינו שליט"א** לקבלת פנים. אחר שסידר **רבינו שליט"א** את הכתובה השמיע הר"ר **שרגא בלומענבערג** הי"ו חרוזי התעוררות.

אחר הקבלת פנים הלך **רבינו שליט"א** עם החתן לבאדעקן, ובירך את הכלה בפרישת כפים. אחר כך הלביש רבינו שליט"א את הקיטל על החתן, ויחגור אותו באבנטו של **הרה"ק בעל בני יששכר זי"ע**, ובכיפתו של **הרה"ק רבי ר' זושא זי"ע**.

החופה התקיים במעמד קהל רב על במה מיוחדת על יד האולם. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין. בקריאת הכתובה נתכבד **הגה"צ רבי יצחק יוחנן האגער שליט"א** אב"ד ויזניץ וומסב"ג. בברכות הראשונות נתכבדו סב הכלה **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א, הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א, הגה"צ אב"ד בייטש שליט"א**. בברכה אחריתא נתכבד **הגה"צ רבי ישראל חיים מנשה פריעדמאן שליט"א** ראב"ד סאטמאר וומסב"ג. - עם סיום החופה יצא כל הקהל בריקוד ובשירה וזמרה, **ורבינו שליט"א** בירך את כל הנאספים בברכת הקודש.

כשעה אחר החופה נכנס **רבינו שליט"א** לאולם החתונה שהיתה מלאה בקהל המוני אנשי שלומינו תלמידים וחסידים שבאו לשמוח בשמחת בית צדיקים. **רבינו שליט"א** עבר על שלחן המזרח וקיבל את פני הרבנים הגאוה"צ שליט"א בהארת פנים.

במשך החתונה עברו מאות רבות של אנ"ש ידידים וקרובי המשפחה לברכת לחיים ואמירת מזל טוב **לרבינו שליט"א** והמחותנים שליט"א, כאשר מתחלק לכל המשתתפים הספר החדש **'שמן ראש'** (על ז' אדר ופורים ח"ב), שיצא לאור ע"י מכון מעדני מלך (נדבת לבו של הנה"ח הר"ר **יואל משה בינער** הי"ו).

אחר כך רקד **רבינו שליט"א** עם החתן והמחותנים ושאר רבנים קרובי המשפחה, ובריקוד מיוחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א**.

בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי מאיר הורוויץ שליט"א** אב"ד דזיקוב (מאנסי). בשבע ברכות נתכבדו: **הגה"צ רבי חיים יהודא דייטש שליט"א** אב"ד חוג חתם סופר פ"ת, **הגה"צ רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א** אב"ד חליסה, **הגה"צ רבי יעקב שלמה מייזליש שליט"א** אב"ד לימנוב, **הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א**, דוד החתן הר"ר **חיים זיגער** הי"ו. בברכה אחריתא נתכבד **הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א**.

אחר אמירת השבע ברכות פתח הר"ר **שרגא בלומענבערג** הי"ו בדברי חרוזים וקרא את סב הכלה **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א** לרקוד מצוה טאנץ.

בהתעוררות מיוחדת נקרא **רבינו שליט"א** למצוה טאנץ, ובחרוזים מיוחדים לעורר אהבת קדומים זכות אבותיו הק' שעל ידם יושפע כל טוב. - **רבינו שליט"א** רקד מצוה טאנץ לפני הכלה בעוז ותעצומות, ויניעו אמות הסיפים בעת **שרבינו שליט"א** מפזז ומכרכר בכל עוז במחיית כפים ביקוד אש קודש. בניגוני שמחה ושבח והודיה לה' יתברך, אשרי עין ראתה כל אלה.

אחר כך רקד **רבינו שליט"א** עם החתן והמחותנים, ועם גיסיו **הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א, והגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א**, ובני המשפחה. עם סיום המצוה טאנץ עברו כל קהל אנ"ש לפני **רבינו שליט"א** לברך ולהתברך בברכת הקודש בעידן חדוותא.

אחר כך המשיכו במצוה טאנץ להמחותנים ושאר קרובי המשפחה. שמחת החתונה הסתיימה בצהלה ושמחה בשעה שלש לפנות בוקר. ויה"ר שמשמחה זו ישפע עלינו שפע קודש להתברך בכל מילי דמיטב.

*

***יום חמישי פרשת תצוה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **שאול יחזקאל** נ"ו בן הר"ר **יהושע דוד הערשקא** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה

להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר ***יהושע דוד הערשקא*** הי"ו, שהתקיים באולם די מארקיז, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך איז די פרשה פון די מנורה, ואתה תצוה את בני ישראל, ויקחו אליך שמן זית זך, כתית למאור, להעלות נר תמיד (שמות כז-כ), די מצוה איז געווען, אז מען דארף צינדען די מנורה מיט שמן זית זך. כתית למאור, מען האט גענומען די ערשטע טראפ וואס איז ארויסגעקומען פונעם זית, ריין אן שמרים, און מיט דעם האט מען אנגעצינדען די מנורה. די גמרא (שבת כב:) דרש'נט, מחוץ לפרוכת אשר על העדות (שמות כז-כא), עדות היא לבאי עולם שהשכינה שורה בישראל. די מנורה איז געווען א עדות, אז עס איז דא השראת השכינה ביי אידן. מען האט אריינגעלייגט די זעלבע שמן אין אלע נרות, און דער נר המערבי האט זיך נישט אויסגעלאשן צופרי, נאר עס האט געברענט פיר און צוואנציג שעה. איז עס געווען א עדות, אז עס איז דא השראת השכינה ביי אידן.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, יעדע כלי וואס איז געווען אין בית המקדש, האט געלערנט א געוויסע דרך אין עבודת ה'. די מנורה איז א רמז אויף תורה, נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג). די מנורה האט געהאט די מיטלסטע חלק פון די מנורה, און פון דעם זענען ארויסגעקומען פון ביידע זייטן זעקס קנים. און די מצוה איז געווען, אז אלע נרות האבן זיך געדארפט בייגן צו די נר המערבי, צום מיטעלסדיגע נר. דער **חתם סופר** (**תורת משה** פ' בהעלותך לז.) זאגט, אז די מיטלדיגסטע חלק דאס איז דער רבי, וואס לערנט תורה מיט יודען, און די קני המנורה, וואס קומען ארויס פון די מנורה, דאס זענען די תלמידים וואס זענען מקבל תורה פון זייער רבי. אז מען וויל אז די קני המנורה זאלן לייכטען, דארפן זיי זיין געבויגען שטענדיג אל מול פני המנורה, קוקען ווי אזוי דער רבי פירט זיך, קוקען ווי אזוי ער לערנט, און ווי אזוי ער דאווענט, ווי אזוי ער עסט, ווי אזוי ער פירט זיך אין אלע זיינע ענינים. ווען די קני המנורה זענען געבויגען אל מול פני המנורה, דעמאלטס יאירו שבעת הנרות, דעמאלטס וועלן לייכטן אלע נרות. - עכ"פ די מנורה ווייזט אויף לימוד התורה.

**מען** האט אריינגעלייגט די זעלבע שמן אין אלע קני המנורה, און פון דעסטוועגן דאך איז געבליבען איין לעכט וואס האט געברענט לענגער פון אלע אנדערע. די קני המנורה וואס ווייזען אויף די תלמידים וואס לערנען תורה, זענען נישט יעדער מצליח די זעלבע. עס איז דא ששה קני המנורה, און עס איז דא דער נר המערבי, דער נר המערבי האט מער מצליח געווען ווי די אנדערע. מען האט אריינגעלייגט שמן כמדת חברותיה, און פון דעסטוועגן דאך האט עס געברענט לענגער. אזוי אויך ביי די וואס לערנען תורה, איז דא אזעלכע וואס זענען מצליח אלגעמיין, און עס איז דא אזעלכע וואס האבן א ספעציעלע הצלחה אין תורה, אז אפילו ווען די אנדערע נרות האבן זיך שוין אויסגעלאשן, איז ער געבליבן ווייטער לייכטן, דאס איז דער נר וואס איז לפני ה'. דער נר וואס שטייט פארן אייבערשטען, דער נר וואס פירט זיך ערליך, ער זוכט שטענדיג צו טון א נחת רוח פארן אייבערשטען, דער נר וואס איז לפני ה', דאס איז א נר וואס ברענט אפילו ווען די אנדערע נרות האבן זיך שוין אויסגעלאשן.

**די** תורה האט געהייסען, אז די מנורה דארף מען צינדען מיט שמן זית זך, זך בלי שמרים, עס דארף זיין ריין. ווייל תורה וואס מען לערנט ערליך, תורה וואס מען לערנט בלתי לה' לבדו, אן פניות, דאס איז אזא שמן וואס פון דעם לייכט די מנורה.

**און** די תורה הק' זאגט, אז עס דארף זיין כתית למאור. כך היא דרכה של תורה, פת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן, וחיי צער תחיה, אם אתה עושה כן, אשריך וטוב לך, אשריך בעולם הזה, וטוב לך לעולם הבא (אבות ו-ד). מען איז נישט זוכה צו תורה, נאר ווען מען פלאגט זיך אויף תורה. יגעת ומצאת תאמין (מגילה ו:), ווען א מענטש צוברעכט זיין גוף צו לערנען תורה, ער עסט ווייניג, און ער שלאפט ווייניג, ער גיט זיך אוועק אינגאנצן פאר תורה, דעמאלטס איז מען

זוכה צו כתרה של תורה. אז מען וויל אז די תורה זאל לייכטן, דארף עס זיין שמן זית זך, עס דארף זיין ריין און שמרים. און כתית, מען דארף עס צוברעכן, למאור, אז די תורה זאל קענען לייכטן.

**דער** חשוב'ער בר מצוה בחור גייט אריין יעצט מקבל צו זיין אויף זיך עול התורה, דארף מען וויסן, אז אויב מען וויל זוכה זיין צו תורה, גייט עס נישט מיט תענוגים, נאר מען מוז זיין כתית למאור, מען דארף זיך פלאגן אויף תורה, אוועקגעבן אלע צייטן און אלע חושים פאר תורה, און דעמאלטס לייכט מען. מען דארף געדענקען, אז עס איז דא אמאל א נר וואס לייכט מער פון א צווייטען, מען געפונט אין די גמרא (ברכות לד:), אז עס איז געווען חסידים וואס האבן אסאך געדאווענט, שוהין שעה אחת לפני התפלה, ומתפללין שעה אחת, ושוהין שעה אחת אחר התפלה, ניין שעה האבן זיי אוועקגעגעבן צו דאווענען פארן אייבערשטען. פרעגט די גמרא, וואס איז געשען מיט זייער תורה, ווען האבן זיי געהאט צייט איבערצוחזר'ן וואס מען האט געלערנט. זאגט די גמרא, מתוך שחסידים הם תורתן מתברכת, אז מען פירט זיך ערליך, איז דא א ברכה אין די תורה. די תורה ווערט געבענטשט ביי זיי, אז דער נר טוט מער לייכטן ווי די אנדערע. דאס דארף מען זיך אראפלערנען פון די מצוה פון די מנורה, אז מען זאל זיך אוועקגעבן פאר תורה.

*

***שבת קודש פרשת תצוה – שבת שבע ברכות***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** את סעודות השבת ביחד עם בני המשפחה והאורחים החשובים, בהיכל המתיבתא. בתוך הסעודה נשמעו דברי תורה מאת המחותן **הרה"ג רבי מנחם שמואל טייטלבוים שליט"א**, ומאת הרה"ג רבי **יואל ראזנער** שליט"א.

אחר הסעודה התקיימה הבאטע בהיכל בית מדרשנו הגדול. **רבינו שליט"א** כיבד את מחותנו **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א** להשמיע דברי תורה. בין הזמירות השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בענין הפרשה. בברכת המזון נתכבד **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א**. השבע ברכות נתחלקו בין הרבנים הגאוה"צ קרובי המשפחה שליט"א.

בסעודת יום שבת קודש נאמו: **הרה"ג רבי אברהם ברוך באבאד שליט"א, הרה"ג רבי פישל פיליפ שליט"א** (ר"מ בישיבת בעלזא בארה"ק), **הגה"צ רבי חיים יהודא דייטש שליט"א** אב"ד פתח תקוה. בברכת המזון נתכבד המחותן **הרה"ג רבי מנחם שמואל טייטלבוים שליט"א**.

סעודה שלישית נערכה ברוב עם בבית מדרשנו. בסיום הדברי תורה המשיך **רבינו שליט"א** בדברי הדרכה לרגל שמחת חתן וכלה. אחר תפלת מעריב הבדיל **רבינו שליט"א** על הכוס בבית המדרש, וכל הקהל עברו באמירת א גוטע וואך.

במוצאי שבת הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי דוד צבי שלמה הראנטשיק זצ"ל** אב"ד ראדאשיץ (בית שמש).

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות שנערכה על ידי קהל בית אשר סאמבאטהעלי, שהתקיימה באולם אימפיריעל.